# די איינציגע יודישע ליקיער- און קאניאק-פאבריק אין לאדז

# „BACHUS"

אזוי ווי יעדעס יאהר, האט די פירמע אויך דאס יאהר ארויסגעגעבן **ספעציעל אויף פורים אנ׳עכט קרישטאל-קאראפקע** מיט דעם פיינסטען ליקיער 36% פון די בעסטע פרוכט,

וואס וועט זיין א ציהרונג אויף דעם טיש **לכבוד פורים** און גלייכצייטיג די שענסטע **מתנה אויף שלח-מנות**

צו בעקומען אין די פאלגענדע ווייז- און ליקיער-געשעפטען:

| | | | |
|---|---|---|---|
| E. Szykier, ul. Północna 1. | Ch. M. Brystowski, Brzezińska 9. | Bar „Gutman" Plac Wolności 11. | R. Bursztyn, Zielony Rynek 3. |
| J. M. Guter, „ Nowomiejska 19. | F. Hercberg, ul. 6-go Sierpnia 43. | E. M. Sawicki, ul. Brzezińska 21. | A. Krell, ul. Łagiewnicka 7. |
| M. Bornsztajn, ul. Nowomiejska 30. | S. Herszlikowicz, Piotrkowska 45. | S. Frajman, „ Zawadzka 6. | A. Kuszynski, ul. Lutomierska 18. |
| H. Liberman, „ Północna 10. | „Viktual", ul. Piotrkowska 64. | S. Szajnbajn, ul. Nowomiejska 27. | R. Wołkowicz, „ Piłsudskiego 49. |
| M. Lipskier, „ Cegielniana 5. | M. Alter, „ Zawadzka 10. | J. Rubinsztajn, ul. Południowa 32. | G. Lipel, Stary Rynek 8. |
| M. Landau, „ Zgierska 64. | M. Grundman, „ Zgierska 10. | J. Bełchatowski, Narutowicza 31. | M. Praszkier, Wolborska 31. |

---

BROWAR i FABRYKA KWASU WĘGLOWEGO

# SUKCESORÓW K. ANSTADTA Spółka Akcyjna

tel 122-31

Łódź, Pomorska 34/36.

עמפפעהלט אויף **פורים** איהרע פיינע קוואליטעטס-**בירען: Jasne-wyborowe**

**און בייעריש, דונקעלע זיס ביער**

בעמערקונג: מיר בעטען די ג׳ קונדשאפט, אז זיי זאלען ביים איינקויף אכטונג געבען אויף אונזער פירמע. אלע אונזערע פעסלעך ביר זענען מיט אונזער איינגעברענטע פירמע בעצייכענט.

---

# וויכטיג ביידעס!

**די פעראייניגטע לאדזער סארווירע**

מאכען בעקאנט די לאדזער בעזוכער, אז פורים, דעם [...] מערץ, פינקטליך 10 א זייגער קומט פאר אין

**ווארשעווער זאל, פאלודניוווא 36**

# פורים-באל

גרויסע א-

מיט ארטיסטישע קרעפטען און א גרויס[...] דזשאזבאנד-ארקעסטער. מיט אכטונג

**די לאדזער סארווירע**

---

# ווארנונג פון בלעכער-צע[...]

אזוי ווי עס געהען ארום פערזאנען אין שטאט [...] געלד און פערופען זיך, אז דער בלעכער-צעך ארומ[...] א ראט, ערקלערען מיר, אז דאס איז א פריוואטע [...] נעהמונג און דער צעך האט מיט דעם קיין שום שייכו[...] גלייכצייטיג מעלדען מיר, אז אויף דער פערזאמלונג [...] איז אויסגעשלאסען געווארן פון צעך העניעך לענטש[...] חיים מענדעל יאסקאוויטש. דוד צעדער. [...] בארענשטיין. יאסל יוזעפאוויטש און [...] רוסלער.

**די פערוואלט[...] פון בלעכער-צע[...]**

---

פראפ. פעראיין פון דערנעהרונג-ארבייטער אין [...] אפטיילונג 4 אין לאדז, אגראדאווא 9

# קאמוניקאט.

דערמיט מעלדען מיר אלע בעקער, וואס בעקן [...] אז ביי מצות וועלען קענען בעשעפטיגט ווערען אלס [...] און שיבער **באר קוואליפיצירטע [...] בייטלאזע בעקער-ארבייטער [...] לאדז**, מיטגלידער פון פעראיין אגראדאווא 9. [...] ארבייטער קען מען יעדען טאג אין קאנצעלאריע פון [...] פון 11 ביז 1 פארמיטאג און פון 5 ביז 7 אווענט.

גלייכצייטיג מעלדען מיר, אז מיר וועלען זארגען [...] פאר, אז אויך אין די מצה-בעקערייען זאל אפגעהיטען [...] דער 8-שעה׳דיגער ארבייטס-טאג.

לאדז, דעם 4 מערץ 1936. די פערוואלט[...]

---

הננו משתתפים בצערו של ה׳ אברהם יעקב [...] טייטעלבוים במות עליו

# אחותו

בעבודתו לטובת רעיונינו ינוחם.

איגוד הציונים המדינתיים בלודז.

---

# שפירט של פסח

ווי אויך אלע **ליקערן, ווינען, כרמל-ווינען**

און ווארשאווער ווינען ווי ליבערמאן און שולדענריין אלע סארטען **קאביאקען**

צו בעקומען ביי — **בזשעזשינסקי, נ[...] ארוטאוויטשא 31**

טעל. 190-08. אינה.: בעלכאטאווסקי.

---

CUKIERNIA

# „ŹRÓDŁO"

PRZEJAZD 1. TEL.: 209-87 i 133-72,

poleca na PURYM

**wyborowe TORTY**

CENY PRZYSTĘPNE.

---

# טארטען אויף פורים

ווי אויך אלערליי

**קאנדיטארײ - אויסארבייטונגען**

עמפפעהלט די בעקאנטע צוקערניע

# ג. וויינבערג,

**38 פיעטריקאווער 38**

— טעל. 143-82 —

נידריגע פרייזען!

---

תחת השגחת הראבינאט דפה לאדז!

# קמח של פסח

שוין ווערט די איינציגע מיהל אויף לאדז גע׳כשר׳ט אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון היגען ראבינאט. אונזערע ג. קונדען וועלען זיך ווידער איבערציגען, אז דאס שענסטע און בעסטע זאקעל מעהל אויף מצות בעקומט מען נאר ביי דער פירמע

# „עלעקטראמלין"

**לאדז, זאקאנטנא 47, טעל. 147-40**

וועלכע איז פערענטווארטליך פאר די רעינע און פינקטליכע ליפערונג. פערקויפט אייך ניט אויף די פראווינצער מציאות, וואס שטעלען אייך צו מעהלען, וואס אויף חמץ קען עס נישט גילטען פאר גריזען-מעהל און פאר דעם גראשען ביליגער ביים איינקויף דערלעגט איהר מעהר ביי דעם מצות-פערקויף. נאר קומט שוין און בעשטעלט פערזענליך אדער דורך טעל. 147-40.

בעמערקונג: די ליפערונג פאר דער פראווינץ קומען מיר נאך די פערלאנגען פון קויפער. מיט אכטונג

Firma „Elektromłyn"

Łódź, Zakątna 47, tel. 147-40.

---

# א לוסטיגען פורים און פריילכען כשר׳ן פסח

האט דער, וואס טרינקט דעם איינציגען אין פוילען היי-יאהר

# ארץ-ישראל-קאניאק

# כרמל-אריגינאל

משומר מחשש נסך וכשר לפסח

ער איז בעריהמט מיט זיין פיינעם געשמאק, אלס, אויסגעשטאנען פיל יאהרען. פאדערט איבעראל. צו בעקומען אין לאדז: פאדערט איבעראל.

חמין-הענדלער „זלאטא גראנא", נאמאמיעסקא 19.

„ „ ע. שימער, פולנאצנא 1.

„ „ מ. ליפסקער, ציגעל-גאס 5.

„ „ ליפעל, אלט-שטאט 8.

„ „ ה. ליבערמאן, פולנאצנא 10.

„ „ מ. אלטער, זאוואדזקא 10.

באר קארא, פיאטריקאווער 23.

באר גוטמאן, פל. וואלנאשטשי 11.

אינפארמאציעס אין לאדז ביי **משה עקשטיין**, אגראדאווא 3, גדוועלב 34.

הויפט-פערקויף: **שולדענריין, ווארשא**, פראנציסקאנער 11.

„תל-אביב" נאוואליפקי 2.

---

# אכטונג, בעקער- און מעהל-סוחרים!

דערמיט מאך איך בעקאנט, דער ג: קונדשאפט, אז אזוי ווי יעדעס יאהר בעזיץ איך שוין אויף לאגער דאס מעהל אונטער דער מארקע פון דער מיהל

**CH. NOWAK, Kalisz „Złoty Medal"**

# כשר לחג הפסח

און געפינט זיך אונטער דער שטרענגער השגחה פון **קאלישער ראבינאט** און ווערט אפגענומען פון **לאדזער ראבינאט**. דאס מעהל איז פון דער בעסטער קוואליטעט און אויף גוטע בעדינגונגען צו געניטע מיהל-פרייזען.

מיט בעשטעלונגען זיך ווענדען צום רעפרעזענטאנט פאר לאדז און פראווינץ

# I. SOŁOWIEJCZYK

**Kilińskiego 104, tel. 241-96.**

בעמערקונג: יעדעס קוואנטום ווערט פינקטליך צוגעשטעלט.

---

# אכטונג! געדענקט, אז פורים פאלט אויס זונטאג,

דעריבער בעט זיך פריהער צו בעזארגען

**מיט די גוטע און ביליגע געטראנקען**

ביי דער בעקאנטער פירמע

# ע. שיקיער

אינה.: **ישראל שיקיער.**

# לאדז, פולנאצנא 1,

טעל. 107-84

# דער געזעץ וועגן לעגיסלאטיוו-ראט
## וועט פריהער אנגענומען ווערן און שפעטער מיטיילן דעם פארלאמענט

לאנדאן, 5 (יט"א טעלעגראפיש)
אויף דער לעצטער זיצונג פון לארדען-הויז האט לארד ראנדליער אויפגעפאדערט די רעגירונג מען צו פראקלאמירען דעם לעגיסלאטיו-ראט אהן פריהעריגער פארשטענדיגונג מיטן פארלאמענט. דער פארשטעהער פון קאלאניען-מיניסטער, לארד פלומער האט געענטפערט, אז ער איז נישט מסכים מיט דעם פארדערער, און ערקלעהרט, אז דאס געזעץ וועט מיטגעטיילט ווערען דעם פארלאמענט נאך דעם, ווי ער וועט שוין זיין בעשטעטיגט דורך דער רעגירונג.

# דער תענית צבור

ווארשא, 5 (טעלעפאניש).
דער היינטיגער תענית צבור איז אין ווארשא דורך מיט דער גרעסטער ערנסטקייט. ס'האבען געפאסט אניאונצעהליגע מאסע יודען. די שוהלען זענען געווען איבערפולט. בעהין ענדיגען דעם תענית האט מען זיך דעריוואוסט, ווענען דעם בעשלוס פון דער קאמיטע, וואס האט געמאכט אן אונגעהויערען רושם.

* * *

אויך אין לאדז איז דער [illegible] מיט דער געהעריגער ערנסטקייט.


אויך פאר'ן



קינד, מוטער!
דאס איז זייף פאר דעליקאטער הויט, וואס דו בענוצט אליין.


# דעלעגאציע פון אמעריקאנער הילף-קאמיטעט פאר דייטשע יודן נעכטן אנגעקומען קיין לאנדאן

לאנדאן, 5 (יט"א טעלעגראפיש)
היינט איז אנגעקומען פון אמעריקא א דעלעגאציע פון הילפס-קאמיטעט פאר דייטשע יודען. די דעלעגאציע, וואס בעשטעהט פון פעליקס ווארבורג, און ד"ר מאגנעס האט ערקלעהרט, אז זי איז געקומען אין שייכות מיט דער ראקציע פון דעם סעמיועל-פלאן. אין ראט פון קאמיטעט געהען אריין 4 ציוניסטען און 4 נישט-ציוניסטען מיט הערבערט סעמיועל אלס פארזיצער. די מיטגלידער פון אמעריקא זענען פעליקס ווארבורג, ראבי סטיפען ווייז און דעריוואלד. די פונקציעס פון קאמיטעט וועלען זיין נישט בלויז צו פערטיילען די געלדער, נאר אויך צו זאמלען די נויטיגע פאנדען.

# אנטיסעמיטישע העצע אין ענגלאנד פערשפרייט זיך
## שארפע רעדעס אין ענגלישען פארלאמענט און דער ענטפער פון אינערן-מיניסטער

לאנדאן, 5 (יט"א טעלעגראפיש)
אויף דער זיצונג פון פארלאמענט, זענען געהאלטען געווארען שארפע רעדעס געגען די פאשיסטען און אנטיסעמיטישער העצע אין ענגלאנד. זעהר שארפע רעדע האט געהאלטען דער פארשטעהער פון לאבאר שטאט-ראט הערי מאריטאן.

דער אינערן-מיניסטער סיימאן האט געענטפערט, אז קיין שום פאשיסטישע אנטי-יודישע ארויסטרעטונגען וועלען נישט טאלערירט ווערען. די שולדיגע אין געיואלד-טאטען וועלען שטרענג בעשטראפט ווערען.


שלח מנות שיקט נור פרוכטען-קערבער
פון די בעסטע אויסלענדישע און אינלענדישע
• פרוכטען •
קויפט מען נור אין ... אויסוואהל ... דער בעקאנטער
Owocarnia „FYFFES"
פיעטריקאווער 50
טעל. 203-83.
בעמערק.: זונטאג פורים איז מייך אוואצארביע אפן;

מאדערנע דאמען-שיך
אין גוטע קוואליטעט בעקומט מען נור ביי
A. Ogórek
Łódź, Zawadzka 11
tel. 202-86
בעמערקונג: א ספעציעלע אפטיילונג פון מענער-שיך


# בעקאנטמאכונג

אלע יודען, וואס מאכען חתונות און שמחות אין זאלער דארפען וויסען, אז דער ראבינאט מיט דעם ועד שומרי ומזהירי שבת האבען בעשלאסען, אז אין די זאלער, וואס קומט פאר א חילול שבת האבען נישט קיין חזקת כשרות און מען טאר ביי זיי נישט מאכען קיין יודישע שמחה. דעריבער דארף יעדער יוד פאדערען ביים זאלער א בעשייניגונג פון ועד הרבנים עם שו"ש, נישט צו רעכענען זיך מיט זייערע בעקאנטמאכונגען, אז זיי זענען כשר.

צ"ק שומרי ומזהירי שבת
מיט דעם ועד הרבנים בראש


הסתדרות „מזרחי" לודז

מארגען, שבת, פ' זכור, פאר קריאת התורה וועט רעדען מענינא דיומא אין
• וואהלינער שוהל •
(וואלטשאנסקא 6)
ה' דוב מארעק
דירעקטאר פון מזרחי-שולע „תחכמוני"

וויכטיג פאר מחותנים!
מיר טיילען מיט, אז מיר בעזיצען א בעשייניגונג פון צ"ק שומרי מזהירי שבת מיט'ן ועד הרבנים און מיר פערדינגען אונזער זאל צו מעסיגע פרייזען. מיט אכטונג
די אינהאבער
פון בערלינער זאל
זאכאדניא 26, טעל. 231-55

שפארט געלד
דורך קויפען רעעלע סחורה
צו די ביליגסטע פרייזען
לאזט זיך נור ביי דער פירמע
„בארוך"
לאדז, נאוואמיעסקא 30 טעל. 210-58
וועלכע איז די איינציגע
ביליגע און רעעלע קוועלע
פון גוטען קידוש-ווייז
ביז די געשמאקסטע מאלצוויינער, אונגארוויינען, ווי אויך אלע סארטען ליקער, בראנפען'ס און מעהד

זעלטענע איינקויפס-געלעגענהייט!
ליקווידאציע-פערקויף
זעלטענע געלעגנהייט
צוליב ליקווידאציע
פערקויפט אויס די בעקאנטע ראם טוך- און קארט-געשעפט פון
H. WŁOSKI
לאדז, 3 נאוואמיעסקא 3
טעל. 114-92, פראנט, 2-טער שטאק
צום איצטיגען פריהלינג און זומער-סעזאן די בעסטע הערן און דאמען-שטאפען אויף פאלטענס און אנציגער פון ביליצער, טאמאשאווער און אנדערע פאבריקען
קומט און איבערצייגט אייך
צו ליקווידאציע-פרייזען!
נוצט אויס די געלעגנהייט

געדענקט, שטשעשליווי
ביי
א גרויסער אויסוואהל פון
אריגינעלע ביליצער און טאמאשאווער סחורות
אויף אנציגער און פאלטענס
פון די בעסטע קוואליטעטען ווי אויך פארשידענע רעשטען
מיט 30% ביליגער
קומט און איבערצייגט אייך!
R. Szczęśliwy
לאדז, 5 נאוואמיעסקא 5
טעל. 156-09.
געדענקט פראנט II שטאק.



Zakład Zduński
JAKÓB BIAŁY
איז געווארען איבערגעטראגען אויף
220 פיעטריקאווער 220
גאוועלב, טעל. 173-80.
ס'ווערען אנגענומען זעמליכע ארבייטען, וואס האט א שייכות מיט דער זדון-ארבייט. — מאדערנע אייווען און קויבען צו בעזיכטיגען אויפ'ן ארט. אייווען און קוכען שאמאמאטע צום איבערטראגען און ערשטקלאסיגער אויספיהרונג אויף לאגער. פרייזקוראנטען אויף וואונש. גרינדונגס-יאהר 1910.


דעם דיכטער
ז. סעגאלאוויטש
צוליב'ן טויט פון זיין מוטער
עיגא
דריקט אויס מיטגעפיהל
די רעדאקציע
„נייער פאלקסבלאט"

טיף ערשיטערט צוליב'ן טויט פון אונפארגעסליכען
נ"ע משה לייב ליפנאווסקי
דריקען מיר אויס אונזער קאלעגע העביעק און דער גאנצער פאמיליע דעם טיפסטען מיטגעפיהל.
דער ערציהער און קאלעגען
פון 6-טען גימנאזיאל-קלאס פון דעם 1-טען יודישען גימנאזיום.

# דער קונדס

הומאר ● סאטירע ●

● צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 57 — פרייטאג, דעם 6 מערץ 1936

## ווי בעקוועם עס רייט זיך



## אויף דעם „פערדעל"!...



## קורצער פרייטאג און שבת הגדול



קורצער פרייטאג: הכלל, ס'איז שוין באלד פורים אויך. מארגען, שבת צו נאכטס געהט מען שוין צו דער מגילה. הא?

שבת הגדול: יא, אזוי איז עס, אויב אזוי, אויב ס'איז שוין טאקע ערב פורים, טא ערקלער מיר, פארוואס האט המן'ס טעכטערל איהם געגעבן מיט א שאף איבערן קאפ?

קורצער פרייטאג: כ'ווייס נישט, נו, זאגט איהר?

שבת הגדול: גאר פשוט: אזוי ווי מ'האט איהם געפיהרט צו דער שחיטה, האט זי איהם פריי הער „בעטויבטיי"...

### די שוויגערס נעבעך!

מוטער (צו דער פערהייראטער טאכטער): סטעפע, זאג דיין מאן, אז אויב ער וועט נישט אויפהערן צו טרינקען וועל איך זיין שוועל נישט איבערטרעטען.

טאכטער: מאמעשי, רעד נישט אזוי הויך! ווען ער זאל דאס הערען, וועט ער נישט אויפהערען צו טרינקען.

### צווישען שרייבערס.

— נו, חבר גראפאמאנסקי, וואס הערט זיך מיט אייער ווערק?

— סיהאט אניאומגעהוירען ערפאלג.

— אזוי? וויפיל מענשען האבען עס שוין געלייענט?

— זיבען און זיבעציג רעדאקטארען.

### נאר א בלינדער!
### צווישען אלטע מיידלעך.

ערשטע: זאגען זי מיר, פאננא נעניא, פארוואס האבען זי נישט חתונה? אויף ווער וועמען ווארטען זי?

צווייטע: אויף מיין אידעאל.

ערשטע: וואס איז אייגענטליך איהנס אידעאל?

צווייטע: א בלינדער!..

### לאדזשער לעב-יונגלעך

1-טער: זאג מיר פרידריך, וואס וואלסטו נעוואלט: לאדז צו ווארשא?

2-טער: ווען לאדז וואלט געווען מיין, וואלט איך עס פערהוליעט אין ווארשא.

## א בעלמער דינסט אין לאדז

צום רב איז אריינגעפאלען א דינסט:

— רבי, כ'האב געוואלט פרעגען א שאלה.

— פרעג — רופט זיך אפ דער רב — וואס ווילסטו פרעגען?

כ'וויל פרעגען: רבי, וואס פארע טשאלענט זאל איך מאכען אויף היינטיגען שבת?

די משמשים און אלע יודען, וואס האבען זיך געפינען אין בית־דין־שטוב האבען שיער אויסגעשאסען מיט אגעלעכטער — אבער דער רב האט צו אלעמענס פערוואונדערונג ערנסט געענטפערט:

— מאך א טשאלענט פון קארטאפעל און א לאקשען־קוגעל.

ווען די דינסט איז אוועקגעגאנגען, האבען אלע געפרעגט מיט פערוואונדערונג:

— ס'טייטש, וואס איז עס געווען פארע „שאלה" און וואס פארע פסק'ענען?

— דער רב האט זיי אויפגעקלעהרט:

— אז זי האט מיך געפרעגט די „שאלה" האב איך מיך באלד געכאפט, וואס דא איז. זי איז זיכער צוגעגאנגען צו איהר מאדאם און זי געפרעגט וואס פארע טשאלענט זי זאל מאכען, האט איהר די מאדאם געענטפערט בייז: געה פרעג דעם רב — האט זי גענומען און אוועקגעגאנגען פרעגען דעם רב...

### צווישען חזנים.

ערשטער: דו ווייסט, מבינים זאגען, אז איך האב גאלד אין גארגעל!

צווייטער: אהא, דערפאר קאנסטו נישט זינגען!

## פערלאזט אייך אויף איהם
### ער ווייסט וואס ער שרייבט

אין א דייטש שטעטל, האט א הונט א ביסען געביסען דעם נאצי'שען בירגערמייסטער. דער אויפגערעגטער בירגערמייסטער האט באלד פערארדענט אויסצוהענגען בעקאנטמאכונגען:

„ווער ס'וועט ארויסלאזען הונט אהן פיסק־שלעסער, וועט ווערען דערשאסען. בירגערמייסטער."

נאכ'ן אויסהענגען, די פערארד. ו.ג. האט עמיצער איהם אויפמערקזאם געמאכט, אז דער טעקסט איז א צווייידייטיגער, מ'ווייסט נישט ווער ס'וועט דערשאסען ווערען, צי דער בעל־הבית פון הונד, צי דער הונט, צי דער בירגערמייסטער.

באלד דערנאך, האבען זיך בעוויזען אנדערע פלאקאטען:

„ווער ס'וועט לאזען לויפען א הונט אהן פיסק־שלעסער, וועט דערשאסען ווערען דער הונט. בירגערמייסטער".

### צווישען אדוואקאטען

ערשטער: איך פערזיכער אייך, קאלעגע, אז דער פראצעס וועט זיך ציהען מינדעסטענס צוויי טעג.

צווייטער: אויסגעשלאסען, דאס איז דאך נאר א ציווייל פראצעס וועגען 50 זלאטעס. דאס געריכט האט דען ארויסגערופען א סך עדות?

ערשטער: בלויז דריי, נאר אלע דריי זענען שטאמלער'ס.

### לשון הרע.

— דו ווייסט די מעשה מיט דעם גריכישען גענעראל קאנדילים, איז עפעס די מעשה נישט גלאטיג.

— וואס איז זי נישט גלאטיג? וואלט ער נעוואוינט אין לאדז, וואלט איך געזאגט אז ער האט געגעסען אין א רעסטאראן א מיטאג פון 5 געגנג פאר 1,50 זל. נאר אזוי ווי ער האט געוואוינט אין אטען, מעג מען דאך זאגען אז ער האט זיך פער'סמט.

## פייטעל און טרייטעל



פייטעל: איך זאג דיר, טרייטעל, איך בין אויף דיר שטארק אין כעס.

טרייטעל: וואס איז די מעשה?

פייטעל: דו פרעגסט נאך? דו האסט מיר געזאגט, אז דו שדכנסט מיר א 30 יעהריגע אלמנה, און די קלעמפע איז דאך שוין אלט איבער די 50?

טרייטעל: כ'האב דיר נישט געזאגט קיין ליגען: זי איז טאקע 30 יאהר אן'אלמנה, בפירוש, א 30־יעהריגע אלמנה...

### אין רעסטאראציע

קעלנער: נו, וואס זאגט איהר צו דעם קאטלעט?

גאסט: לויט זיין עלטער האט ער געקענט זיין גרעסער.

קאפריזנער

### א קליינער טעות.

— זעה נאר, פיוויש, וואס ביזט דו עפעס אזוי מויט?

— פרעג שוין נארנישט: ס'איז מיר אין דער נאכט נישט גוט געווארען, און אנשטאט ארויסצורופען די פאגאטאווע, האט מען ארויסגערופען „חסד של אמת".

### ווייבער שמועסען.

— זאגען זי נאר, כ'האב געהערט, אז די פערל־קאשאווע האט עפעס גערעדט וועגען מיר?

— נייען זי שוין, די שטשערווע, אז זי האט נישט אויף עמיצען צו רעדען שלעכטס, רעדט זי אינגאנצען נישט.

* * *

1-טע: כ'בעט איהן, נילדענע, וואס הארכט זיך עפעס ביי יענטע די פלאוונעריין?

2-טע: ניש־קשה.

1-טע: און וואס איז מיט איהרע טעכטער? זי האט דאך, דאכט זיך, א שטוב מיט מיידען?

2-טע: ס'געהט אויף א וועג: די עלטסטע וויל חתונה האבען; די צווייטע זאל חתונה האבען; די דריטע קלויבט זיך חתונה צו האבען; די פירטע געהט חתונה האבען און די פינפטע, האט שוין כמעט חתונה געהאט...

### א נעקראלאג.

אין א פוילישער ציטונג לייענען מיר א נעקראלאג מיט אזא טעקסט:

נעכטען איז געשטארבען

**יוזעף גאדולסקי**

(געוו. סיים־דעפוטאט)

איז סיים פלעגט ער איביג קומען מיט א קושען, אין משך פון די דריי יאהר זיצען אין סיים האט ער דריי מאל געשריגען פון שלאף: „האנבא"! ער פלעגט קומען זעהר פינקטליך צו דער סיים קאסע און צום בופעט.

### די טיפטרויערנדע וועהלער

וואס בעדויערען די שטימען וואס האבען איהם אפגעגעבען

